בעזרת השם יתברך

"יום הקדוש"
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 3
(55)

# דְּרָשַׁת כָּל נִדְרֵי

## וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צו הֶערְן פונֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



דְּרָשַׁת כָּל נִדְרֵי, וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט לֵיל יוֹם הַקָּדוֹשׁ, פַאר כָּל נִדְרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי דְּרָשָׁה מִיט אַ גֶעשְׁטִיקְטֶע קוֹל פוּן גֶעוַויין.

### מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער!

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע נַאכְט. עֶס שְׁטֵייט אִין סְפָרִים אַז דֶער רָב זָאל זָאגְן 'מוּסָר' פַאר 'כָּל נִדְרֵי' מְעוֹרֵר זַיין דִי הֶערְצֶער צוּ תְּשׁוּבָה; אָבֶּער וֶוער בִּין אִיךְ צוּ זָאגְן מוּסָר, אִיךְ דַארְף דָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן מֶער פוּן עֶנְק אַלֶע צוּזַאמֶען. (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם וָוארְט פוּן גְרוֹיס גֶעוַויין).

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן בְּשֵׁם זַיין טַאטֶען, דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַ מָשָׁל: אַמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פֵייֶער אִין שְׁטָאט בִּשְׁעַת אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן, דֶער רָב אִיז גֶעשְׁלָאפְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעשְׁלָאפְן, דֶער דַיין אִיז גֶעשְׁלָאפְן, דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אִיז גֶעשְׁלָאפְן, דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן, יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁלָאפְן, אוֹיסֶער דֶער שַׁמָשׁ - וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף - הָאט בַּאמֶערְקְט וִוי עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער, אִיז דֶער שַׁמָשׁ אַרוּמְגֶעלָאפְן אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוֹיפְוֶועקְן דֶעם עוֹלָם, אוּן גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ: **"מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער! עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער! שְׁטֵייט אוֹיף!"** קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן שַׁמָשׁ: "וֶוער בִּיסְטוּ דֶען אַז דוּ וֶועקְסְט אוֹיף דֶעם רָב? וֶוער בִּיסְטוּ?! דוּ וֶועקְסְט אוֹיף דֶעם דַיין?! דוּ וֶועקְסְט אוֹיף דִי חָשׁוּבֶ'עֶ מֶענְטְשְׁן?!" יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט וֶוען עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס וֶועקְט אוֹיף, מֶען דַארְף זִיךְ דָאךְ רַאטֶעוֶוען דָאס לֶעבְּן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיפְצוּוֶועקְן אִידִישֶׁע הֶערְצֶער, אוּן שְׁרֵייעֶן: **"מוֹרַי וְרַבּוֹתַי, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייֶער! הַיינְט אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע נַאכְט פוּן יָאר, לָאמִיר גוּט אוֹיסְנִיצְן דֶעם טָאג".**

### לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן

טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע נַאכְט פוּן יָאר. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, ל): **"כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם"**, וַוייל אִין דֶעם טָאג וֶועט עֶר פַארְצֵייעֶן אוֹיף עֶנְק, עֶנְק צוּ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע עֶנְקֶערֶע זִינְד, **"לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ"**, פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט עֶטְץ זִיךְ רֵיינִיגְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְז, עֶר וִויל אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. לָאמִיר נִישְׁט דוּרְכְלָאזְן דֶעם טָאג מִיט גָארְנִישְׁט, לָאמִיר נִישְׁט פַארְפַאסְן אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן, לָאמִיר זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואויל".**

### זַיי מִיר מְתַקֵּן!

עֶס שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע סְפָרִים, פַארְוָואס יֶעדֶעס יָאר 'כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט' וֶוען יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ צַאם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּם דַאוֶוענֶען פַאלְט אוֹיף יֶעדְן אַ שְׁרֶעק? וַוייל דֶעמָאלְט קוּמֶען זִיךְ צַאם אַלֶע טִפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן הָאט דוּרְכְדֶעם בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת[1], אוּן זֵיי וֵויינֶען צוּם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זֵיי צוּרִיק מְתַקֵּן זַיין, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: **"דוּ הָאסְט דָאךְ מִיר בַּאשַׁאפְן, זַיי מִיר מְתַקֵּן!"** - לָאמִיר תְּשׁוּבָה טוּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### תְּשׁוּבָה טוּן אִיז זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז 'תְּשׁוּבָה טוּן' אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, דֶערְפַאר הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן צוּרִיק פוּן טוּן תְּשׁוּבָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; 'תְּשׁוּבָה טוּן' אִיז זֵייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, תְּשׁוּבָה אִיז: מֶען זָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס גֵייט מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, וִויפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דוּרְךְ, דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר"**, - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, רֶעדְן פָּשׁוּטֶ'עֶ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט.

### עֶס שְׁטֵייעֶן אוֹיבְן אִין הִימְל מְקַטְרִיגִים

אִין דִי צַייט וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, שְׁטֵייעֶן אוֹיבְן אִין הִימְל מְקַטְרִיגִים, שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים, וָואס רֶעדְן

---

1 ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן וְכוּ): "עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, "בּוֹרֵא קְלִפּוֹת", טוּט מֶען בַּאשַׁאפְן קְלִיפּוֹת.

שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַיי זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִידְן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִידְן זֶענֶען גֶעפֶערְלִיךְ..."** דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען דַארְף זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס דִי מְקַטְרִיגִים זָאגְן, אִידְן זֶענֶען אַ טַייעֶר פָאלְק, אִידְן ווִילְן זַיין גוּט נָאר זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פַאלְן דוּרְךְ; אַזוֹי קֶען מֶען טְרֶעפְן אוֹיף יֶעדְן אִיד לִימוּדֵי זְכוּת.

## אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן

אַ בָּחוּר הָאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע לִימוּד זְכוּת, אַז עֶר ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים זַיי זָאלְן טַעֲנָה'נֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן".**

## הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ

לָאמִיר זִיךְ הַיינְט פָארְנֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים, צוּ הֶעלְפְן מֵיידְלֶעךְ, לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ טְרֶעפְן פַאר זֵיי שִׁידוּכִים; לָאמִיר כָאטְשׁ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶערְהֵייט זֵיי זָאלְן קֶענֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן רֵיין.

## אָנְטְרָאגְן שִׁידוּכִים

רוֹב טָאג בִּין אִיךְ הַיינְט גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דֶעם אוּן יֶענֶעם אָנְצוּטְרָאגְן שִׁידוּכִים, בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעפִּירְט אֵיין שִׁידוּךְ אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמְט נָאךְ[2], וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז עוֹסֵק זַיין אִין 'שִׁידוּכִים' צְווִישְׁן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, מַאכְן שִׁידוּכִים אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, כְּדֵי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען רֵיינְקֵייט בַּיי אִידְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען טָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים.

## וָואס מַאכְט מֶען אַזַא רַעשׁ?

פוּן אִינְדְרוֹיסְן קוּקְט אוֹיס ווִי דָאס אִיז אַ אִיבְּרִיגֶע זַאךְ, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, וָואס מַאכְט מֶען אַזַא רַעשׁ: 'שִׁידוּכִים'... 'שִׁידוּכִים'... וָואס בְּרֶענְט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק? פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי ווִיכְטִיג? אָבֶּער צַדִיקִים וֵוייסְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, זַיי וֵוייסְן וָואס אִיז בֶּאֱמֶת ווִיכְטִיג.

## בָּחוּרִים; טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

טַייעֶרֶע בָּחוּרִים; טַעֲנָה'ט הַיינְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיינְס, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ".**

## אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַיין לֶעבְּן פַארְדְרֵיידְט

אוּן אֲפִילוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאט אוֹיךְ אַ טַעֲנָה, זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אֱמֶת אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין רֵיין, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַיין לֶעבְּן פַארְדְרֵיידְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן דָאס לוֹיפְט מִיר יֶעצְט נָאךְ, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן דֶערְפוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרַע".**

אַזוֹי דַארְף מֶען טַעֲנָה'נֶען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּדֵי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס דִי מְקַטְרִיגִים רֶעדְן אָן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אוּנְז.

## אוּם יוֹם כִּפּוּר חַתְמִ'עֶט מֶען

טַייעֶרֶע אִידְן! לָאמִיר נִישְׁט פַארְפַּאסְן אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען שְׁרַייבְּט אָפּ אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, דֶערְנָאךְ וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ צֶען טֶעג בִּיז יוֹם כִּפּוּר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אוּם יוֹם כִּפּוּר חַתְמִ'עֶט מֶען שׁוֹין אָפּ ווִי אַזוֹי דָאס יָאר זָאל זַיין, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְוענֶען: **"בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן".**

## יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן

וֶוער הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן אָנְהֵייבּ יָאר וָואס פַאר אַ יָאר 'תש"פ' וֶועט זַיין?! קֵיינֶער הָאט זִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן פוּן פָארְאוֹיס וָואס מִיר זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער דֶעם יָאר, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשָׁאסְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס נָאךְ עֶס קוּמְט, וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער? וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת? וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת? אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט הָאבְּן מִיר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל קוּמֶען אַ גוּט יָאר, אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן פַאר אוּנְז אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## זָאל אִיךְ כָאטְשׁ פַייפְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן...

אִיךְ דֶערְצֵייל יֶעדֶעס יָאר יוֹם כִּפּוּר אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אֵיין

2 [פוּן אַ בְּרִיוו: בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ; יוֹם ג' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן; לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר. זָאג דַיין טַאטֶע אוּן דַיין בְּרוּדֶער - דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר, זֵיי זָאלְן מִיר מוֹחֵל זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם "בַּר מִצְוָה". אִיר הָאט דָאךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִין שְׁטֶעטְל דִי תְּפִילוֹת; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דַאוְוענֶען אַלֶע תְּפִילוֹת פַארְ'ן עָמוּד. כָּל נִדְרֵי, שַׁחֲרִית, מוּסָף, נְעִילָה אוּן נָאכְדֶעם דִי רִקוּדִין אוּן וְעַל כּוּלָם הָאבּ אִיךְ נָאךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁידוּךְ שְׁפֶּעט אוֹיף דֶער נַאכְט. אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס אוּן הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַפָּאר שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה; עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּרִיק אַרוֹיס צוּ פָארְן אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ וֶועל דָאס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַשְׁלִים זַיין, אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּרְ'ס חֲתוּנָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ הָאף אַז דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה, פַאר דַיין כַּלָה; דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָה, אַ צְנוּעָה, אַן אֵיידֶעלֶע אוּן אַ עֶרְלִיכֶע; דַארְפְסְטוּ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער].

יָאר יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזֶען אִין הִימְל אַז עֶס שְׁוֶועבְּט אַ שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה דָאס יָאר אוֹיף דִי אִידְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. אִינֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַ אִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ זַיין פְלִימֶענִיק, אַ צֶען יֶערִיג יָתוֹמְ'ל, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער יָתוֹם הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶלְטֶערְן וָואס זָאלְן זִיךְ זָארְגְן פַאר אִים אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, אֲפִילוּ נִישְׁט דִי א' ב'. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פוּן יוֹם כִּפּוּר הָאט אִים דֶער פֶעטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּל מִיט זִיךְ. דֶער קִינְד הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ פַייפֶערְל מִיט וָואס עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעפִיפְן בַּיים פַּאשֶׁענֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעך פוּן זַיין פֶעטֶער, אוּן וֶוען דֶער פֶעטֶער הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הָאט עֶר מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דֶעם פַייפֶערְל אוּן דָאס גֶעהַאלְטְן אִין זַיין טַאשׁ.

דֶער קִינְד אִיז גֶעזֶעצְן גַאנְץ יוֹם כִּפּוּר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, נִישְׁט קֶענֶענְדִיג דַאוֶוענֶען קַיין אֵיין וָוארְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יֶעדֶער דַאוֶוענְט מִיט אַזַא בְּרֶען, אַלֶע זִיצְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויי טוּן זַיין הַארְץ, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען זַיין נְשָׁמָה: **"אִיךְ וִויל דָאךְ אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגִיסְן מַיין קְלֵיינֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין עִבְרִי, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט"**, אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען הָאט זִיךְ דֶער קִינְד שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אַיינְהַאלְטְן, אַז דָאס גַאנְצֶע בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַאוֶוענְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: **'וָואס קֶען 'אִיךְ' טוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?'** אִיז אִים בַּייגֶעפַאלְן אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען טוּן, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם פַייפֶער פוּן טַאשׁ אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פַייף, וָואס הָאט אָפְּגֶעדִינֶערְט אִין גַאנְצְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ... **'אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען - זָאל אִיךְ כָאטְשׁ פַייפְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!'** פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער פֶעטֶער הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן?! דוּ הָאסְט גֶעשְׁטֶערְט דָאס גַאנְצֶע בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּן דַאוֶוענֶען!" מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, אַז דֶער קִינְד מִיט זַיין פַייף הָאט צֶערִיסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, וִוייַבַּאלְד עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן כָאטְשׁ עֶפֶּעס צוּ טוּן פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ פַייף מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ - מִיט דֶעם הָאט עֶר בַּאוִויזְן צוּ צֶערַייסְן דִי גְזֵירָה.

### פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט 'וֶוער עֶס דַאוֶוענְט', אוּן 'וָואס עֶר דַאוֶוענְט', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער, צוּ זֶען וֶוער עֶס שְׁרֵייט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, אָבֶּער עֶר עֶס הָאט אִים אַזוֹי וִוי גֶעטוּן אַז עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ פַייף מִיט זַיין גַאנְצֶע **הַארְץ** אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר צֶערִיסְן דִי גְזֵירָה.

### נָאר אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְהַארְטֶעוֶועט?!...

אַמָאל זִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט, עֶר קֶען יָא עִבְרִי, עֶר קֶען יָא דַאוֶוענֶען, אָבֶּער ס'דַאוֶוענְט זִיךְ אִים נִישְׁט, עֶר זֶעט וִוי יֶעדֶער דַאוֶוענְט, עֶר זֶעט וִוי יֶעדֶער וֵויינְט, יֶעדֶער הָאט אַן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן נָאר מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט דָאס דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הַארְץ אוּן גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל שׁוֹין אַהֵיימְגֵיין פוּן שׁוּל', פְּלוּצְלִינְג גֶעבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן הַארְץ אוּן נָאר אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְהַארְטֶעוֶועט?!..."** קֶען זַיין אַז דִי קְלֵיינֶע קְרֶעכְץ וָואס גֶעבְּסְט - דָאס וֶועט צֶערַייסְן אַ גְזֵירָה.

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה; אֶפְשָׁר וֶועט מַיין קְלֵיינֶע קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה, עֶס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס וֶוער דוּ בִּיסְט, זָאג אַרוֹיס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער!" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף דַיינֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער!"**

### אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף שׁוֹין דַיינֶע קִינְדֶער", "הֶעלְף עֶס זָאל שׁוֹין נָאר קוּמֶען גוּטְס אוֹיף אוּנְז".**

### עֶס קוּמְט אַ לַאנְגֶע יָאר

לָאמִיר נִישְׁט לָאזְן דֶער טָאג זָאל דוּרְכְגֵיין מִיט גָארְנִישְׁט, עֶס קוּמְט דָאךְ אַ לַאנְגֶע יָאר, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין אִין דֶעם יָאר, לָאמִיר יֶעצְט אוֹיסְבֶּעטְן עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע יָאר.

### אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי תּוֹרָה

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מֶען גֵייט יֶעצְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה פוּן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן מֶען גֵייט אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען קוּשְׁט דִי תּוֹרָה, נִישְׁט דָאס מֵיינְט אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען דַארְף זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיט דִי תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו)[3], דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן

3 דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְּרִיעֶר יִשְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען

אַ וועג ווי אַזוי מיר קענען אויך לערנען די הייליגע תּוֹרָה, לָאמיר זיך מַאכן אַ חֶשְׁבּוֹן 'ווי אַזוי איז דורך די יָאר' לָאמיר זען ווי אַזוי איז דורך די הַיינטיגן טָאג, פון עֶרב יוֹם כִּפּוּר, הָאב איך הַיינט געעֶפֶנט אַ חוּמָשׁ? הָאב איך הַיינט געעֶפֶנט אַ מִשְׁנָיוֹת? הָאב איך הַיינט געעֶפֶנט אַ גְּמָרָא? מיט אַלע תֵּירוּצים לָאמיר נָאך הַיינט אָנהֵייבן לערנען, לָאמיר נָאך הַיינט עֶפֶענען די סְפָרים, און זיך פָארנעמען צו לערנען יעדן טָאג אַבּיסל חוּמָשׁ, אַבּיסל מִשְׁנָיוֹת און אַבּיסל גְּמָרָא.

## זיך שֶׁערן די הָאר

טַייערע פְּרוֹיען, אידישע טעכטער! לָאמיר זיך מְקַבֵּל זַיין אין דעם הֵיילִיגן טָאג צו גֵיין אָנגעטון בּצְנִיעוּת און זיך שֶׁערן די הָאר. מיר הָאבן אַלע געהערט פון אונזערע בַּאבעס און עלטער בַּאבעס ווי בַּיים קְרִיג הָאבן די רְשָׁעִים אויסגע'הַרְג'עט אונזערע עלטערן, מען הָאט פַארבְּרֶענט גַאנְצעטע שְׁטעט, עס זענען אִיבּערגעבּליבּן נָאר אֵיינער פון אַ שְׁטָאט, אֵיינער פון אַ מִשְׁפָּחָה, מיט גְרויסע נִסים זענען זֵיי געבּליבּן בַּיים לעבּן, און דער אֵייבּערשְׁטער בעט זיך בַּיי אונז מיר זָאלן גֵיין אָנגעטון בּצְנִיעוּת, זיך שֶׁערן די הָאר - לָאמיר דָאס פָאלגְן.

## אָפּשְׁנַיידן די נָאז אָדער הענט

דער הֵיילִיגער סַאטמַאר רֶבּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלעגט געבּן אַ דְרָשָׁה כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכט, אינמיטן די דְרָשָׁה פְלעגט ער זיך אויסדְרֵייען זַיין הֵיילִיגע פָּנִים צוּם וַוייבּער שׁוּל און געוויינט צו די פְרויען, ער הָאט געזָאגט: "ווי אַזוי קען מען זָאגן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע 'וּבְכָל נַפְשְׁךָ' - מיר זענען גְרֵייט אַוועק צו געבּן דעם גַאנצן נֶפֶשׁ פַאר'ן אֵייבּערשְׁטן, ווען מען איז נִישְׁט גְרֵייט אַוועק צו געבּן דָאס בִּיסל הָאר?! ווען דער אֵייבּערשְׁטער וָואלט וועלן געהֵייסן אָפּשְׁנַיידן די נָאז אָדער הענט וָואלט מען דָאס אויך געדַארפט טוּן, אָבער ער בעט דָאס נִישְׁט פון אוּנז, ער בעט נָאר אַבּיסל הָאר!"

## צוּריק הַאלטן די גְאוּלָה וועגן אַבּיסל הָאר?!

ער פְלעגט חַזֶר'ן וָואס דער הֵיילִיגער צַדִיק ר' פִּנְחָס'ל קָארִיצער זי"ע הָאט געזָאגט: **"די גַאנְצע גְאוּלָה הענגט אויף אַ הָאר"**; דָאס הֵייסט אַז די 'בַּיי הָאר' הַאלט אָפּ מָשִׁיחַ פון קוּמען. פַארוָואס זָאלן מיר צוּריק הַאלטן די גְאוּלָה וועגן אַבּיסל הָאר?

## זי וועט הָאבּן אַלע בְּרָכוֹת

דער אֵייבּערשְׁטער בַּאצָאלט אויף דעם אַזוֹיפיל שְׂכַר, אַ פְרוֹי וָואס געבּט אַכטוּנג אַז אירע הָאר זָאלן זיך נִישְׁט אַרויסזען, זי שֶׁערט זיך אָפּ אירע הָאר - וועט הָאבּן אַלע בְּרָכוֹת, און זי וועט הָאבּן נַחַת פון אירע קינדער, אירע קינדער וועלן זַיין חָשׁוּב, עס וועט איר נִישְׁט פעלן קַיין פַּרְנָסָה (עַיֵין בְּזֹהַר הַקָדוֹשׁ, פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דַף קכה:).

## איך הָאב נִישְׁט געהַאט מיט קֵיינעם גָארנִישְׁט

איך וויל ענק בעטן אַ קְלֵיינע טוֹבָה; איך הָאב אַ פְּרָאבּלעם, ווען ענק הָאבן אַ פְּרָאבּלעם קוּמט עֶטץ צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָבער צו וועמען זָאל איך גֵיין?... מיר וָואלט בּעסער געווען צו זיצן אין די זַייט און נִישְׁט הָאבן צוטוּן מיט קֵיינעם, בַּיי מַיין זֵיידן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הָאב איך געדַארפט זַיין פַארנוּמען מיט אַלעס, דָאס הָאט מיר וֵויי געטוּן, עס הָאט מיר געשְׁטערט: 'צוּליבּ דעם בּין בַּאשַׁאפן געוָוארן זַיין פַארנוּמען מיט יעדן אֵיינעם?!' ווען איך בּין געקוּמען צוּם רֶבִּי'ן בּין איך געזיצן אויף אַ פְּלַאץ וואו איך הָאב נִישְׁט געהַאט מיט קֵיינעם גָארנִישְׁט, איך בּין געזיצן אוּנטער מַיין טַלִית און געדַאוונט, און איך הָאב זֵייער פְלַייסִיג געלערנט, קענסט דָאס פְרעגן פון די חֲבֵרִים וָואס געדענקן ווען איך בּין מְקוֹרָב געוָוארן.

## זַייט מיר מוֹחֵל

פון מַיין זַייט וָואלט איך וַוייטער געזיצן אוּנטער מַיין טַלִית און געערעדט מיט יעדן נָאר הִתְחַזְקוּת, נָאר גוּטע ווערטער, עס וָואלט מיר נִישְׁט אינטערעסירט וָואס טוט זיך בַּיי אַנדערע, אָבער וָואס זָאל איך טוּן אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מיר געגעבּן אַ שְׁווערע שְׁלִיחוּת צו זַיין 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה' - מְחַזֵק זַיין און אויפבְּרענגען בָּחוּרִים, שְׁפּעטער הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוגעלֵייגט אויך אינגעלַייט, שְׁפּעטער פְרויען, חֵדֶר און סְקוּל; קוּמט אויס אַז איך בּין פַארנוּמען מיט יעדן, צוּמָאל קען פַּאסירן ווען מען איז עוֹסֵק מיט אַ רַבִּים, אַז מען ווערט בַּאלֵיידיגט, מען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת; וויל איך בעטן פון ענק אַלע זָאלן מיר מוֹחֵל זַיין.

איך בּין יעדן אֵיינעם מוֹחֵל, איך הָאב נִישְׁט קַיין שְׁווער הַארץ אויף קֵיינעם, און איך בעט ענק, מען זָאל מיר מוֹחֵל זַיין, איך מַיין נִישְׁט קַיין שְׁלעכְטְס, אוֹיבּ הָאב איך אֵיינעם וֵויי געטוּן בעט איך אים איבּער, און אין דעם זְכוּת אַז מען איז זיך מוֹחֵל אֵיינער דעם אַנדערן וועלן מיר זוֹכֶה זַיין אַז דער אֵייבּערשְׁטער וועט אוּנז מוֹחֵל זַיין אויף אוּנזערע זִינְד.

מיר וֵוייסן נִישְׁט וועלכע סָארט יָאר עס וַוארט אוּנז אָפּ, לָאמיר טַעֲנה'נען פַאר'ן אֵייבּערשְׁטן ער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבּן אויף אוּנז און שִׁיקן אַ גוּטע יָאר, און מיר זָאלן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צו די גְאוּלָה שְׁלֵימָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

לערנט, וָואס דָאס אַלֵיינס - אַז מען וויל גְלַייך פַארשְׁטֵיין - מַאכט אַז עס זָאל זַיין שְׁווער צו פַארשְׁטֵיין דָאס לערנען, מען זָאל נָאר זָאגן די ווערטער כְּסִדְרָן און מען וועט שׁוֹין פון זיך אַלֵיינס פַארשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מען פַארשְׁטֵייט נִישְׁט דעם ערשְׁטן מָאל, וועט מען עס פַארשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מען וועט נִישְׁט פַארשְׁטֵיין דעם צְוֵוייטְן מָאל איז אויך גָארנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגן, אַז אַ מענטש זָאל קוֹדֶם אַסַאך זָאגן די ווערטער פון די הֵיילִיגע תּוֹרָה, אֲפִילוּ ער פַארשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס ער לערנט, און דערנָאך זָאל ער לערנען צו פַארשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וְלִגְמָרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שְׁנעל, קען מען זוֹכֶה זַיין צו לערנען זֵייער אַסַאך; מען איז זוֹכֶה אִיבּערצוגֵיין יעדע זַאך זֵייער אַסַאך מָאל, בִּיז מען איז זוֹכֶה דָאס צו פַארשְׁטֵיין.